א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

יום ג' פרשת מטות-מסעי תשפ"ב

# השם גבולך שלום

**מאך 'שלום' פאר דיין 'גרעניץ'; אויב עס וועט ברענגען מחלוקת קען איך נישט אריבער**

## א

## לא יחל דברו; האלט נישט פראסט דיין דיבור

אין די וועכעדיגע סדרה (ל ג) שטייט 'לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ' א מענטש זאל נישט פארשוועכן זיינע רייד, זיין רעדן זאל נישט זיין פארשוועכט, 'כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה'. ווערט געברענגט פון רבי חיים וויטאל ז"ל (ליקוטי תורה פרשת עקב), אז אין די פסוק איז מרומז, אז א מענטש זאל נישט מאכן זיינע ווערטער חולין - פראסט, ער זאל נישט מזלזל זיין, בליג האלטן, אין די ווערטער וואס ער רעדט ארויס, כאילו עס איז גארנישט. נאר זאלסט וויסן, ככל היוצא מפיו, יעדע ווארט וואס א מענטש זאגט ארויס פון זיין מויל, יעשה, מאכט א רושם.

אויב מען רעדט גוטע זאכן, מאכט עס א רושם לטוב, און אויב ח"ו מען רעדט נישט גוטע זאכן, מאכט עס א רושם לרע ח"ו. א מענטש קען מיט זיינע ווערטער באשאפן סניגורים, און א מענטש קען ח"ו באשאפן קטיגורים, מקטרוגים, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן.

א מענטש זאל זיך צוגעוויינען, שטענדיג צו ניצן די מויל, נאר פאר תורה ותפילה און לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו. א מענטש דארף אפהיטן יעדעס ווארט וואס ער זאגט ארויס פון מויל, מיט א מחשבה מתחילה: איך מוז נאר טון די רצון ה', אויב די רצון ה' איז איך זאל עס זאגן, וועל איך עס זאגן. אויב

די רצון ה' איז איך זאל עס נישט זאגן, וועל איך עס נישט זאגן. מען דארף קענען מבטל זיין די אייגענע איך, כעס, די אייגענע נגיעות, חס ושלום נישט ארויסצוזאגן פון די מויל קיין שום זאך וואס איז רע.

**טראכט איבער יעדע 'דיבור רע' כאטש פאר דריי טעג**

אמאל מאכט זיך, אז דער יצר הרע רעדט איין פאר א מענטש, אז דער רבונו של עולם וויל, ער זאל עס זאגן. פאר דו זאגסט ארויס חלילה א דבר רע פון דיין מויל, ווען דו האלטסט עס איז א מצוה, געב איך דיר א גוטע עצה: קודם זאלסטו ווארטן דריי טעג. אין די דריי טעג זאלסטו גוט א דורכלערנען ספרים הקדושים, און טרעפן מראה מקומות, זאלסט עס אויך א דורך רעדן מיט צוויי דריי מענטשן, און מאכן זיכער אז זיי טראכטן אויך אזויווי דיר. אויב נאך דריי טעג וואס דו האסט דורכגעלערנט ספרים, נאכגעקוקט די הלכה, די מוסר וחסידות, דורכגערעדט מיט דריי ערליכע אידן, און דו האלטסט נאך אלס אזוי - יעצט קענסטו ארויסרעדן ח"ו א דבר רע.

א דבר טוב דארף מען נישט טראכטן צוויי מאל, נאר תיכף ומיד זאל מען עס זאגן, ווייל דער הייליגער באשעפער איז כולו טוב, טוב ה' לכל, און ער וויל אז אונז אידן זאלן זיין כולו טוב, און רעדן נאר טוב.

# ב

## השם גבולך שלום - זיך מאכן א גרעניץ פון 'שלום'

עס איז דא א חתם סופר (חתם סופר פרשת ויגש ד"ה ויצא האחד): עס שטייט אין פסוק, יעקב אבינו האט געזאגט (בראשית מד כח): 'וַיֵּצֵא הָאֶחָד מֵאִתִּי' יוסף איז אוועקגעגאנגען פון אים, 'וָאֹמַר אַךְ טָרֹף טֹרָף'. טייטשט דער הייליגער חתם סופר, 'ויצא האחד' עס איז ארויסגעגאנגען די אחדות, מיר האבן פארלוירן 'אחדות'. וואס געשעט טאמער עס איז נישט דא קיין אחדות און קיין שלום? 'ואמר אך טרף טרף' עס ווערט אוועקגענומען די פרנסה, איין מחלוקת איז דוחה הונדערט פרנסות. 'ויצא האחד מאתי' וויבאלד עס איז ארויסגעגאנגען די אחדות פון מיין שטוב, 'ואומר אך טרף טרף', יעצט איז אוועקגענומען געווארן די פרנסה.

זאגט דער הייליגער חתם סופר מורא'דיגע ווערטער - עס שטייט אין די גמרא (בבא מציעה נט.) דוד המלך זאגט אין תהלים (קמז יד) 'הַשָּׂם גְּבוּלֵךְ שָׁלוֹם חֵלֶב חִטִּים יַשְׂבִּיעֵךְ'. זאגט די גמרא, היינו דאמרי אנשי, אז ווען עס ענדיגט זיך די גערשטן פונעם קריגל, הייבט זיך אן אינדערהיים א קול פון מחלוקת. אויף דעם זאגט דער הייליגער חתם סופר, וואס דארף די גמרא צולייגן צום פסוק מער ווי עס שטייט אין פסוק? נאכמער, אין פסוק שטייט 'ווייץ' 'חלב חטים', און די לשון וואס מענטשן ניצן איז 'גערשטן'?

## יעדער מענטש דארף מאכן א גרעניץ ביז וואו ער ניצט זיין חכמה

אויף דעם ענטפערט דער הייליגער חתם סופר, אז יעדער מענטש דארף האבן א גרעניץ ביז ווען ער ניצט זיין חכמה. עס איז דא מענטשן וואס 'קנאה' איז די גרעניץ. ווען עס קומט צו קנאה פארלירט ער זיין חכמה, און ער הייבט אן טון זאכן וואס איז קעגן זיין שכל, וועגן די קנאה. עס איז דא מענטשן וואס די גרעניץ פון זייער חכמה איז 'אכזריות'. ווען עס קומט צו טון אכזריות פארלירט ער זיין חכמה, ער פארלירט זיין קאפ, און ער ווערט אן אכזר. עס איז דא מענטשן וואס פארלירן זייער חכמה און זייער קאפ, ווייל זיי האבן ליב געלט, און עס איז דא מענטשן וואס פארלירן זייער קאפ וועגן זיי האבן ליב כבוד, און אזוי ווייטער.

## בעסער צי זיין א שוטה כל ימי - אבי נישט קיין מחלוקת!

זאגט אבער דער הייליגער חתם סופר, אן ערליכער איד, א צדיק - קנאה שנאה תאווה כבוד, די אלע זאכן נעמען אים נישט אוועק זיין חכמה. ער פלאגט זיך, ער הארעוועט אויף זיך קעגן קנאה שנאה תאווה און כבוד, זיין חכמה איז העכער אלעם. אבער דו ווייסט וואו די גרעניץ איז, ווען אן ערליכער איד לייגט אוועק זיין חכמה?! דאס איז, טאמער לויט זיין חכמה קומט אויס, אז דאס וואס ער דארף טון בחכמתו, ברענגט מחלוקת, קריגעריי. אויף דעם זאגט ער 'עד פה!' ביז דא! ביז דא ניץ איך מיין חכמה! בעסער וועל איך זיין א שוטה מיין גאנצע לעבן, און איך גיי נישט אנהאלטן קיין מחלוקת אפילו איין שעה! אפילו מיין חכמה זאגט מיר צי פירן מחלוקת, איך וויל נישט זיין יעצט קיין חכם, יעצט וויל איך זיין א שוטה! - אזוי זאגט דער הייליגער חתם סופר.

## חלב חטים ישביעך - שלום איז די מקור הפרנסה והשפע

זאגט די פסוק אויף דעם 'השם גבולך שלום,' דער וואס ער מאכט א גרעניץ אז 'שלום' איז די גרעניץ ביז וואו ער ניצט זיין חכמה, אויב עס איז נישט שלום,

### חתם סופר ויגש ד"ה ויצא

ויצא האחד מאתי ואומר אך טרוף טורף. על דרך הרמז מרמז, מכיון שיצא האחדות והשלום, נטרפה טרף מזונות של האדם, דמחלוקת אחד דוחה מאה פרנסות. וזה 'ויצא האחד מאתי' מכיון שיצא האחדות מבני ביתי, 'ואומר אך טרוף טורף', מעתה נטרפה טרף מזונותי, כמו שאמרו האחים ירד ירדנו כפירוש רש"י בפרשת מקץ.

והנה אמרו חז"ל בפ' הזהב (נט.) השם גבולך שלום חלב חטים ישביעך, היינו דאמרי אנשי כד משלם שערי מכדי נקיש ואתי תיגרי. והכוונה במה דאמרי, היינו דאמרי אנשי, מה הוסיפו על הקרא. ועוד בפסוק אמר חלב חטים, ואמרי אנשי 'שערי', ותו דבקרא תלי מזונות בשלום, ואינשי אמרי בהיפוך.

וי"ל, דהנה 'השם גבולך שלום' היינו תכלית השלום. כי לכל אדם יש גבול ומעמד לחכמה שלו, יש שמדת הקנאה גבולה, כשמגיע לקנא את חברו פסקה החכמה שלו, ועושה דברים שהשכל מנגדם, מפני המשטמה והקנאה. ויש עושים גבולה האכזריות, ויש אהבת ממון או כבוד וכה"ג. אמנם הצדיק אין די בכל הני מילי להעבירו גבול חכמתו, כי היא עולה על כולנה.

אמנם שם גבולה שלום. כשרואה שאם יעשה כפי חכמתו יגיע מזה מחלוקת ומריבה, אזי אומר עד פה תבוא גבול חכמתי, ומוטב שאהיה שוטה כל ימי ולא אחזיק במחלוקת אפילו שעה אחת. ואמר קרא כי לזה האיש אשר שם השלום גבולו, לזה ישביעהו ה' חלב חטים. כי אע"ג דמזוני לאו בזכותא תליא אלא במזלא, ולא תשתנה המזל אלא על ידי זכות גדול (כתוס' שבת קנו.), מכל מקום זה הוא זכות גדול במה ששם שלום גבולו, וישביעהו ה' חלב חטים.

אמנם הלא כל מדותיו של הקב"ה מדה במדה, ומה ענין לשם גבולו שלום שישביעהו חלב חטה. על כרחך מוכח מזה, דהיינו דאמרי אינשי, כד משלם שערי מכדי נקיש ואתי תיגרי, פירש, עפ"י הטבע, מי שהגיע לתכלית העוני שאפילו שעורים אין לו, אז עפ"י טבע נקיש ואתי תיגרי, וזה הואיל ושם גבולו שלום, על כן יברכהו ה' ויצילהו ממשלים שערי, ולא עוד, אלא ישביעהו גם חלב חטה.

לייגט ער אוועק זיין חכמה. ווייסט וואס דער הייליגער באשעפער וועט אים געבן באצאלט? 'חלב חיטים ישביעך'!

**שלום איז משנה די מזל און ברענגט גרויסע השפעות טובות אויף פרנסה**

כאטשיג אז מזוני, פרנסה, איז נישט בזכותא תליא, עס איז נאר א מזל, און עס ווערט נישט נשתנה אזוי שנעל די מזל פון פרנסה, נאר דורך א גרויסען זכות [אזוי זאגט די תוס' שבת קנו.] - אבער די זכות פון שלום איז משנה די מזל פון פרנסה און ער קען ווערן א גרויסער עושר, השפעות טובות!

אלע מידות פונעם אייבערשטן איז מדה כנגד מדה. וואס האט שלום צוטון מיט 'חלב חטה'? אויף דעם זאגט די גמרא: מענטשן זאגן, אז ווען עס איז ענדיגט זיך די גערשטן אינעם קריגל, ברענגט עס מחלוקת. פארוואס? ווייל ווען מען האט גערשטן וואס איז א ביליגע תבואה, איז עס א סימן פון עניות, ווען ער האט שוין נישט אפילו נישט קיין גערשטן אויך נישט, ברענגט עס מחלוקת. אבער איינמאל די מענטש האט געשטעלט שלום אלס זיין גרעניץ, ער וויל נישט ניצן קיין שום חכמה, קיין שום אויפגעקלערטקייט, קיין שום קלוגשאפט, אויב עס ברענגט מחלוקת. וועט אים דער הייליגער באשעפער העלפן, אז עס וועט שוין מער נישט זיין ביי אים אין שטוב די פראבלעם אז עס וועט נישט זיין קיין גערשטן וואס ברענגט מחלוקת, ווייל דאס איז די מזל פון עניות, נאר ער וועט אים געבן 'חלב חטה' ער וועט באקומען ווייץ, געשמאקע פרנסה און השפעות טובות.

איר הערט די הייליגע רוח הקודש ווערטער פונעם הייליגן חתם סופר?! דער הייליגער חתם סופר זאגט: ווען עס קומט צי מחלוקת, צי קנאה שנאה תאווה און כבוד, צו קריגעריי, צו פירוד לבבות, צו ווי טון אידן, ניץ נישט דיין חכמה, ווער א שוטה, ווער א שוטה און זאג: רבונו של עולם, דא ניץ איך נישט מיין חכמה! איך בין א קלוגער מענטש אויף מאכן שלום, איך בין א קלוגער מענטש צו זיין א פנים מאירות איד! אבער איך וויל נישט ניצן מיין חכמה אויף מחלוקת! דאס וויל נישט דער הייליגער באשעפער. און דער הייליגער באשעפער באצאלט שכר, אז 'חלב חטים ישביעך', מען זעט ישועות גדולות ונוראות ברוחניות ובגשמיות.

## מעשה בחסיד אחד

*עס האט פארציילט א חשובער תלמוד חכם פון ארגענטינא מחשובי אנ"ש, אז ער האט געהאט צעטון מיט איינעם וואס האט אים זייער ווי געטון שוין פאר יארן לאנג, און פונקט היינט האט ער געזען חשובע אידן פון די קהילה רעדן צו דעם איד וואס טוט אים זייער ווי, און ער האט קענען דעם מענטש זייער זייער א שווער הארץ. ער איז געווארן זייער ברוגז, ער האט געוואלט פועל'ן ביי די אידן זאלן נישט רעדן צו אים, און זיי זאלן פארשטיין וואס פאר א שווערע מענטש ער איז, און אז ער טוט ווי מענטשן.*

*ער האט זיך אבער מיישב געווען, ניין! ער גייט אנהאלטן די מהלך פון פנים מאירות, השם גבולך שלום חלב חטים ישביעך! ער האט מסיח דעת געווען פון דעם, און זיך געזעצט לערנען מיט הרחבת הדעת, מיט שמחה, ער האט נישט קיין שווער הארץ אויף אידן, ער איז אלעס מקבל באהבה.*

*פארציילט דער איד, אז דער הייליגער באשעפער האט אים באצאלט אויפן פלאץ! ער מיט זיין חברותא האבן געהאלטן אינמיטן לערנען דאן א שווערע סוגיא, זיין חברותא האט געזאגט א פשט און ער האט געזאגט א פשט, זיי האבן זיך נישט געקענט דורכקומען. ומה' אינה לידו, דער הייליגער באשעפער האט געמאכט, אז זיי האבן פונקט געעפנט א ספר אויף די סוגיא, וואס יענער האט ארויסגעברענגט א קלארקייט, און עס איז זיי ממש לעכטיג געווארן אין די סוגיא! דאס הייסט 'חלב חטים ישביעך' - ברוחניות ובגשמיות העלפט דער הייליגער באשעפער.*

***

*עס איז געווען איינמאל אינמיטן די זומער, א איד פארט ארויס מיט די משפחה אביסל זיך אויסלופטערן אויף די בערג. די משפחה האט מיטגענומען א פיקטשער מאכער (קעמרע/בילדער מאשין) און מען האט אנגפאנגען מאכן בילדער פון די טיר וואו מען גייט ארויס פון זייער שטוב, וויאזוי מען גייט אריין אין קאר, יעדער איינער ווייסט וויאזוי קינדערלעך האבן זיך ליב ארומצושפילן, צו מאכן פון יעדע טריט און שריט בילדער.*

*אויף די וועג אהיים פון די נסיעה האט איינער פון די קלענערע קינדער געוואלט זען די בילדער מאשין, אלעס וואס מען האט אלס אויפגעכאפט. און ער האט גענומען די מאשין און ער זעט גארנישט. ער געבט עס איבער פאר די אנדערע ברודער, די וואס האט זיך אריינגעלייגט בלב ונפש צו כאפן די אלע בילדער, און ער זעט, טאקע, עס איז נישט דא. ווייל עס איז דא אזא זאך אז מען דארף אריינלייגן אן SD קארטל, אזוויי די קליינע ברודער האט גענומען די מאשינקע, האט ער נישט געוואוסט וואס דאס איז. עס איז פארלוירן געווארן.*

*גלייבט מיר, דער ברודער בפרט, און אלע קינדער בכלליות, זענען געווארן זייער זייער בייז אויף דעם ברודער. ער היט זיך נישט אפ, מען קען אים נישט געטרויען. איר ווייסט דאך וויאזוי עס גייט. עס הייבט זיך אן די אלע שרייעדיגע ווערטער, און מען צעטערעט און מען צעקוועטשט אזא ברודער, נעבעך נעבעך, וואס ער האט אפילו נישט געוואוסט וואס ער האט געטון, און אז יא, קומט אים נישט קיין מיתה חס ושלום.*

*אזוויי די עלטערע געשוויסטער האט געזען אז דער ברודער, וואס ער איז געווען די עיקר וואס האט געכאפט די בילדער גייט אריין אין אן אויפרעגעניש. האט די עלטערע געשוויסטער אים געגעבן 'איך בעט דיך, האלט זיך איין, זיי מקיים די מצוות התורה, זיי עס מקבל באהבה, טו נישט ווי דיין יונגערע ברודער, טו נישט ווי קיינעם נישט. ניץ אויס די צער און דאווען צום אייבערשטן, אז אין זכות וואס דו האלסט זיך איין דיין כעס, זאלסטו ווערן אן עושר, זאלסטו האבן א גוטען שידוך, זאלסטו האבן ערליכע קינדער', בעט זיך אויס ביים אייבערשטען, ניץ נישט אויס די צער, וויי צו טון אידן.*

*אזוי ווי דער ברודער האט עס געהערט, האט ער מחליט געווען, עס איז א גוטע עצה, ער גייט זיך מתגבר זיין, ער גייט מאכן אן 'איתכפיא'. ער האט זיך מורא'דיג געשטארקט, און ער בעט פונעם הייליגן באשעפער, אז טאקע די עלטערע שוועסטער וואס האט אים אזוי צוגערעדט זיך צו האלטן רואיג, זי איז שוין אן עלטערע מיידל, און זי דארף א זיווג. אז אין זכות וואס ער האלט זיך איין און זי האט אים געגעבן די בארואיגינגס ווערטער און כוחות, זאל*

זי זוכה זיין צו א זיוג הגון. און ער האט זיך בארואיגט ברוך השם.

מען קומט אן אהיים. עס גייט א דורך א פאר טעג, און מען רעדט נישט דערפון, עס איז אראפ פון טיש, ברוך הוי"ה ברוך הוא. אה לעכטיג, פרייליך! הודו לה' כי טוב אז דער הייליגער באשעפער האט אזעלכע גוטע קינדער, אז מען קען א דורכמאכן אזעלכע נסיונות, מיט אזא רואיגקייט. מען ראטעוועט דאך דורות, מען ראטעוועט דאך גאנצעטע שטובער, מען ראטעוועט זיך אליין, מיט די רואיגקייט, מיט די אמונה, מיט די בטחון, מיט די שמחת החיים, נעימות החיים, לעכטיג!

דער טאטע באקומט נאך א פאר טעג א רוף פון א בחור פון א ישיבה, און ער פרעגט אים, צי ער איז דער און דער איד, וואס וואוינט אויף די און די אדרעס? זאגט ער יא. דערציילט דער בחור: ער האט געטראפן א קארטל וואס מען לייגט אריין אין א בילדער מאשין, און ער וויל עס אים צוריקגעבן. פרעגט ער אים: וואס איז דיר איינגעפאלן ווען מען טרעפט אזא קארטל אז דו דארפסט אונז רופן? האט ער געזאגט: צווישן די בילדער וואס מען האט געמאכט ווען מען איז ארויס פון די שטוב, האט מען געמאכט א בילד פון די הויז פון וואו זיי גייען ארויס, און ווי זיי גייען אריין אין קאר. איז דארט געווען אויף די טיר די נאמען פון די משפחה מיט די נאמען פון די הויז. אבער עס איז נישט געשטאנען די נאמען פונעם גאס. האט ער געזוכט אין אלע שטעט וואו עס וואוינט א מענטש מיט די משפחה נאמען, וואס וואוינט אויף א גאס מיט די אדרעס-נומער, און ער איז נישט די ערשטע וועם ער רופט, נאר ער האלט יעצט ביי זיין נאמען. ברוך הוי"ה ברוך הוא, מען האט געטראפן די קארטל!

דער טאטע האט געזאגט פאר דער בחור: איך קום אריבער אין ישיבה און איך גיי עס נעמען. ער איז אריבערגעפארן אין די ישיבה, און ער האט זיך געטראפן מיט דעם בחור. ער כאפט שוין א שמועס, ער האט דאך אזוי' מחיה געווען די גאנצע משפחה. ער פארציילט אים וואס פאר א שמחה עס איז געווארן אין די משפחה, און ער פרעגט אים, ווער ער איז, און ער כאפט מיט אים א געשמאקע שמועס.

אזויווי ער גייט ארויס פון די בנין הישיבה, הייבט ער אן טראכטן, אז דער בחור געפעלט אים זייער שטארק, ער זעט אויך אויס ווי אן עלטערער בחור, און עס איז אים זייער געפאלן. ער האט זיך אביסל נאכגעפרעגט, און ער האט געזען אז דאס איז טאקע א בחור א כלי. האט ער אנגערופן א שדכן, און ער האט געבעטן דעם שדכן זאל אנטראגן דעם שידוך.

מה עשה הקדוש ברוך הוא? די שידוך איז געווארן! הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו! פון די מצוה פון 'השבת אבידה', איז געווארן א מצוה פון 'מציאת אבידה' - מען האט געטראפן די אבידה, עס איז געווארן א שידוך!

עס איז אזוי געשמאק ווען מען קען פארלציילן די מעשה מתוך שמחה. מען האט זיך איינגעהאלטן, קיינעם נישט צו צעטרעטן, קיינעם נישט וויי געטון, געווען אזוי' נאנט צום אייבערשטער, מיט אזא אהבת ישראל. אזא שיינע לעכטיגע משפחה, די טאטע, די מאמע, די געשוויסטער, מיט אזא אחדות. השם גבולך שלום, און וואס האט דער הייליגער באשעפער באצאלט? ער האט זיי געגעבן 'חלב חטים', א בחור א תלמוד חכם, א בעל מידות, אן ערליכער, מיט א שיינע משפחה, און מען איז אויפגעראכטן געווארן. פון זיך צוריקהאלטן די כעס, איז ברוך השם

*ארויסגעקומען אזא לעכטיגע שמחה אין די משפחה, שמחה נאך שמחה, און נאך השפעות טובות.*

*הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער: מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ! אונז קען מיר דאס אלעס טון, און מיר גיי מיר דאס טון.*

# ג

# טובים דודיך מיין - די רייד פון חז"ל איז הארבער פון דברי תורה

*אמר רבי שמעון בר אבא: חביבים דברי סופרים כדברי תורה שנאמר וחכך כיין הטוב, חברייא בשם ר' יוחנן חמורים דברי סופרים מדברי תורה שנאמר כי טובים דודיך מיין, האומר אין תפילין לעבור על דברי תורה פטור, חמש טוטפות להוסיף על דברי סופרים חייב, רבי אבא בר כהנא בשם ר' יהודה בן פזי שמע לה מן הדא, א"ר טרפון פעם אחת הייתי מהלך והטיתי לקרות כדברי בית שמאי וסכנתי בעצמי מפני הלסטין, אלו לא קרא עבר על מצות עשה, ועכשו שקרא כדברי בית שמאי חייב מיתה בעצמו, בדברי תורה כתיב ונתן אליך אות או מופת, בדברי סופרים כתיב על פי התורה אשר יורוך (ילקוט שמעוני שיר השירים רמז תתקפא).*

## פארוואס באקומט מען אויף א דרבנן א הארבערע שטראף ווי ווען איינער איז ה"ו עובר אויף א דאורייתא?

איינמאל האט דער מלך געפרעגט דעם גאון וקדוש רבי **יהונתן אייבשיץ** זצוק"ל אז ער האט א שווערע שאלה אויף די הייליגע תורה: ווען איינער עסט למשל נבילות וטריפות, די גרעסטער עונש וואס ער קען באקומען, איז מלקות. ווידער, ווען איינער עסט ברויט אן נטילת ידים, שטייט אין חז"ל אז ער איז חייב מיתה. ער ווערט אן עני. אזויפיל הארבע שטראפן? זאגט דער מלך פאר רבי יהונתן: א דאורייתא איז גענוג מלקות, און א דרבנן באקומט מען אזעלכע הארבע שטראפן?!

האט רבי יהונתן אייבשיץ געענטפערט מורא'דיגע ווערטער: זאג נאר מלך, אין דיין מלוכה איז דא געזעץ ביכער אויף די גאנצע מלוכה, אויף די מדינה? זאגט ער: אוודאי! און דארט שטייט עונשים אויף די אלע זאכן? ווען מען איז עובר אויף דעם באקומט מען אזא שטראף, און ווען מען איז עובר אויף דעם געזעץ באקומט מען אזא שטראף, ווען מען גנב'עט, ווען מען זאגט ליגנט וכדומה? זאגט ער: אוודאי! יעדע זאך האט זיך זיינע עונשים!

פרעגט ווייטער דער רבי ר' יהונתן: צווישן די אלע עונשים, רוב זאכן זענען מיתה? זאגט ער: ניין, געווענדליך נישט!

זאגט ער אים: יעצט וויל איך דיר פרעגן א צווייטע שאלה, ווען מען קומט אריין אין דיין פלאץ, שטייען דארט שומרים. וואס איז זייער תפקיד? זאגט ער: וואס הייסט, זיי דארפן אפהיטן אז אן קיין רשות, קען קיינער נישט אריינקומען אין פאלאץ!

פרעגט ער: וואס געשעט ווען א מענטש וויל אריינקומען אין פאלאץ, און די שומרים, וואס זיי שטייען אויף די צוויי זייטן, זאגן אים, גיי נישט קיין טריט ווייטער! און דער הייבט אן ווייטער צי-

גיין, וואס איז די נעקסטע זאך? וואס געשעט? זאגט ער: מען שיסט אים, ער ווערט געהארגעט חס ושלום!

אה - זאגט רבי יהונתן - איך פארשטיי נישט, ווען איינער איז עובר אויף די הארבסטע געזעצן פון די מלוכה, וואס דער מלך אליינס האט באפוילן, גייט מען די מערסטע אין תפיסה. אבער ווען איינער איז עובר אויף א זאך וואס נישט דער מלך האט געהייסן, דער שומר המלך זאגט גיי נישט, און ער גייט, מען שיסט אים? וואס גייט דא פאר?!

האט אים דער מלך געזאגט: וואס הייסט? די סאלדאטן דארפן אפהיטן דעם מלך, אז קיינער זאל נישט קומען שעדיגן דעם מלך און די גאנצע מלוכה דא, דאס איז זייער ארבעט, אויב זיי קענען נישט שיסן, קען מען נישט אפהיטן די מלך!!

## די רבנן זענען די שומרים וואס היטן מען זאל חס ושלום נישט עובר זיין אויף די תורה

זאגט אים רבי יהונתן: זייער גוט האסטו געזאגט. דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה הקדושה. אבער אונז דארפן האבן סאלדאטן וואס היטן אפ אז די תורה הקדושה זאל חס ושלום נישט ווערן פארשוועכט. און אויב מען פארשוועכט די באפעלן פון די שומרים, דעמאלסט איז זייער א הארבע זאך.

דער הייליגער באשעפער האט געגעבן שבת, אבער אונז דארף מיר האבן שומרים אפצוהיטן די שבת. וואס זענען די שומרים? די אלע גדרים וסייגים, און די אלע גזירות דרבנן. און ממילא, ווען מען איז עובר אויף די גזירות דרבנן, וואס דאס איז טאקע א דרבנן, וואס זיי זענען די שומרים, אבער זייער שמירה איז אוועקגעשטעלט געווארן, אז מען זאל חס ושלום נישט קומען שעדיגן די מלוכה, מען זאל חס ושלום נישט עובר זיין אויף די תורה הקדושה.

## די גדרים וסייגים פון די ספרי מוסר והסידות אויף בין אדם לחבירו איז זייער הארב און דאס איז אונזער שמירה

די אמונה פשוטה דארף יעדער איד האבן. אלע אונזערע מנהגים, אלע אונזערע מסורות, אלעס וואס ווערט געברענגט אין מוסר וחסידות, דאס זענען אונזערע שומרים אונז אפצוהיטן נישט ארייצופאלן אין עבירות.

אסאך מאל זאגט א מענטש: אין די תורה שטייט נישט אז איך מוז מוחל זיין! אין די תורה שטייט נישט דאס אין די תורה שטייט נישט יענס! הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער - אונז האבן א תורה, און אונז האבן מוסר וחסידות און מעשיות פון צדיקים. אונז האבן אונזערע שומרים וואס האבן אוועקגעשטעלט וויאזוי כלל ישראל קען זיך האלטן, נישט עובר צו זיין אויף די תורה. און אין די אלע ספרים הקדושים שטייט אז א איד דארף האבן גדרים וסייגים, בין אדם למקום וכל שכן בין אדם לחבירו. לאמיר אונז אלע מיט אהבת חינם ליב האבן אידישע קינדער, מוותר זיין פאר אידישע קינדער, הארעווען אויף אמונה און בטחון, הארעווען אויף ליב האבן אידישע קינדער, ליב האבן דעם אייבערשטן און זיין תורה, מיט געשמאק, מיט א לעכטיגקייט.

# שטויס צוריק!

איינע פון די סארט מענטשן וואס זיי מוטשען זיך אויף 'אנעקזייעטי' זענען מענטשן וואס זיי דארפן האבן א ביאור אויף יעדע זאך אין זייער לעבן, א געוויסע קלארקייט. למשל, ווען א מענטש הייבט אן טראכטן ביי זיך:

"שמעקן טאביק וואלט געווען זייער א גוטע זאך". קומט אים גלייך אריין א מחשבה'לע: "ניין, שמעקן טאביק וואלט נישט געווען א גוטע זאך!". יעצט הייבט ער אן מיט קלארקייטן: טאמער ער גייט שמעקן טאביק, אפשר וועט ער ווערן צו דעם צוגעטשעפעט, און ער וועט נישט אויסהאלטן אנדעם, און אזויווי ער קען נישט שמעקן א גאנצן טאג טאביק, ווייל ער האט אן ארבעט, אדער ער האט נישט קיין געלט צו קויפן, אדער ער וואוינט אין א פלאץ וואו מען טאר נישט האבן קיין עירוב, וועט ער נישט קענען האבן טאביק, וועט ער ווערן אדיקטעד/צוגעטשעפעט. אבער פון די אנדערע זייט: אפשר לוינט זיך עס יא, עס בארואיגט.

נאכדעם איז ער זיך מעמיק: וואס טוט טאביק? וואס איז די אויפטו? פון וואו שטאמט טאביק? וואס איז דאס?

יעצט לאמיר זאגן אז ער האט שוין דורכגעמאכט די אלע שוועריגקייטן, זיינע מחשבות זענען שוין ארויף און אראפ וועגן טאביק, יעצט כדי פטור צו ווערן פון דעם, דארף ער קלאר מאכן די מח. יעצט וואס איז די קלארקייט? פארוואס יא טאביק? פארוואס נישט טאביק? נאכדעם: וואס איז מיין באשלוס? און פארוואס האב איך אזוי באשלאסן? נאכדעם קומט ער צו א מצב: נו, ער וויל פטור ווערן פון די מחשבה, ער וויל די גאנצע נושא פון טאביק ארויס פון זיין גאנצע געשעפט, לאמיר אפ מיט די טאביק, ער קען שוין נישט, ער איז שוין אזוי פארפלאנטערט...

הייבט ער אן מסביר זיין פאר זיך: בעצם, איך דארף נישט טאביק, איך בין נישט געמאכט פאר דעם, איך קען טרינקן קאווע אנשטאט קאווע,

איך קען טרינקן וואסער... וואס געשעט איז, ווען ער וויל פטור ווערן פון די מחשבה, ווען ער וויל זיך ארויסדרייען פון די בלבול המוחות, דרייט ער זיך ארויס מיט א ביאור, מיט א הסבר, מיט א פארשטענדעניש. וואס געשעט איז, אז יעדע זאך וואס ער וויל מאכן א קלארקייט, פאלט ער אריין נאך טיפער, ווייל יעדע ביאור הייבט זיך אן: שטימט יא די ביאור, שטימט נישט די ביאור, ארבעט די ביאור, ארבעט עס נישט. איך האב געטראכט די מחשבה, עס האט נישט געארבעט.

נאך א משל:

די מענטשן וואס זיי מוטשען זיך מיט אמונה-שאלות, אדער מיט ארויסזאגן ווערטער ביים דאווענען, און מכוון זיין. און ער הייבט אן טראכטן:

"די ווערטער וואס איך האב געזאגט, דאס טאר מען נישט זאגן, דאס קען מיינען ח"ו עפעס וואס איז קעגן די אמונה"...

"אה, וואס עפעס? פארוואס איז עס קעגן די אמונה?"

"יא, אבער עס קען יא מיינען! אפשר האסטו טאקע געמיינט קעגן די אמונה?!".

יעצט, כדי פטור צו ווערן פון די מחשבה, גייט ער זיך אנפאנגן געבן א ביאור: "מען מעג אזוי טראכטן, עס שטייט נישט אין ערגעץ אז נישט, און אפילו עס שטייט, איך מעג, איך מיין נישט דאס!", ער הייבט זיך אן געבן ביאורים... וואס געשעט יעצט? עס איז דא בלבול המחשבות און אנעקזייעטי! אויף יעדע ביאור וואס ער האט, קומט ער צי צו נאך אן אנעקזייעטי, נאך אן אנגעצויגנקייט, און איין ביאור ברענגט די אנדערע, עס איז פארפלאנטערט... עס איז זייער שווער צוצוקומען צו די מסקנה.

די סארט מוחות קענען זיך זייער שטארק מוטשען. די איינציגסטע מהלך, נישט נאר פאר די מענטשן וואס האבן די מח, אבער בפרט פאר די מענטשן וואס האבן די מין מח, איז: אפצושטעלן אן קיין ביאורים, מיר רופן עס: "שטויס צוריק די מחשבה!".

די מחשבה זאגט: "האסט יעצט געטראכט א מחשבה וואס קען זיין כפירה!"

"איך האב נישט!"

"פארוואס נישט?"

"איך האב נישט! איך טראכט נישט כפירה! אלעס וואס איך טראכט איז גוט!"

"אבער פארוואס? זיי מסביר!" - אזוי טראכט די מחשבה.

"איך האב נישט געטראכט כפירה!".

ענטפער נישט, און זיי נישט מסביר פאר די מחשבה, די מחשבה וואס זאגט 'יא', שטויסט מען צוריק מיט 'נישט'.

מען שטייט אויף צופרי, און די מחשבה זאגט: "היינט גייסטו נישט קענען ארבעטן, דו ביסט צעמישט, דיין מח איז נישט רואיג, עס טוט דיר וויי די ביינער, דו גייסט האבן פחדים, עס איז נישט זיכער גייסט מצליח זיין, און מען קען נישט ווייטער גיין מיטן טאג".

"איך גיי יא מצליח זיין! איך קען אנגיין מיטן טאג! איך האב נישט פחדים!"

"וואס הייסט? דו האסט דאך יא פחדים?!"

"איך האב נישט!"

"האסט יא!"

"איך האב נישט!".

שויס צוריק די מחשבה אן קיין ביאורים. דאס קען נאר טון איינער וואס האט געהערט אלע אנעקזייעטי שיעורים, די ערשטע מאל אויף א וועג ווי מען לערנט זיך א פאך, נישט וואס האט מיט מיר, איך וויל קענען די פאך, די חכמה פון די אנעקזייעטי שיעורים. נאכדעם הערט מען עס, און מען לאזט עס אריינגיין אין די מח, ווייטער מען טראכט נישט פון זיך. די דריטע מאל טראכט מען, וואס עס האט מיט זיך, און על פי רוב, דארף מען שוין נישט טראכטן, ווייל מען האט שוין ארויס די מהלך, און מען טוט עס שוין, און מען טרעפט עס שוין ביי זיך.

נאכדעם וואס מען האט ארויס די אלע מהלכים, עס בלייבט נאך איבער שיריים פון אנעקזייעטי מחשבות, אמאל איז עס איימאל א טאג, און אמאל איז עס נאר אויף געוויסע פעלער, נישט קיין חילוק, אפילו עס איז אויף יעדע זאך. יעצט קומט די צייט ווען מען הייבט אן צוריקשטויסן. שטויס צוריק די מחשבה אן קיין ביאור, די זעלבע

מחשבה וואס זאגט דו ביסט אין בלבול, זאגסטו אים, איך בין נישט אין בלבול. וועסטו זען עס וועט ארבעטן אותות ומופתים. דאס איז אן ענין פון משכנע זיין, מח-שווענקן, אויפן גוי'איש שפראך זאגט מען 'ברעין-וואשן', אויסוואשן די מח און אים צוריקשטויסן די מחשבות וואס שטערן מיר אנגיין אין לעבן, אין א קורצע מין צוריקשטויס "עס איז נישט אזוי!".

דו גייסט יעצט פירן א שבת'דיגע סעודה. "נע, איך האב מורא, דו וועסט האבן פחדים, דער וועט דיר אנקוקן, דער זון וועט נישט זיין צופרידן, דיין טאכטער וועט נישט זיין רואיג, מען וועט דיר נישט אויסהערן!".

"איך קען פירן א סעודה נארמאל! צי מען הערט מיר אויס צי נישט, עס גייט מיר נישט אן! איך בין א רואיגע פרייליכע מענטש! איך פיר א פרייליכע רואיגע סעודה!".

"אבער למעשה, עס וואַרפט דיר הענט און פיס!".

"עס וואַרפט זיך מיר נישט הענט און פיס!".

"וואס הייסט? עס איז א מציאות אז דיין הענט און פיס וואַרפן זיך!".

"עס איז א מציאות אז מיין הענט און פיס וואַרפן זיך נישט!".

האב נישט קיין ביאור, זוך נישט צי עס איז אמת צי נישט אמת, שטויס צוריק די מחשבה, לייג דיך נישט אריין אין ביאורים, לערן זיך אויס אין לעבן אז דו דאַרפסט נישט האבן אויף יעדע זאך א ביאור, דו ווייסט וואס דו דאַרפסט צו טון, און דאס טו איך, און דאס ארבעט.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**


## קול פנים מאירות

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע טמער:** 845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691

| **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:

gilyonospm@gmail.com